# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ז' תשע"א לפ"ק

## פרשת לך לך

## דורש טוב

### לך לך מארצך:

זאגט רש"י: **להנאתך ולטובתך**, אז אברהם אבינו וועט הנאה האבן און עס וועט אים זיין א טובה, דאס אוועקגיין פון זיין טאטנס הויז. לכאורה דארף מען פארשטיין, חז"ל זאגן דאך אז **שכר מצוה בהאי עלמא ליכא**, ווי אזוי האט דער אייבערשטער געקענט צוזאגן שכר פאר אברהם אבינו אויף דעם וואס ער וועט טון דעם רצון ה'?

אויך דארף מען פארשטיין די שייכות וואס די תורה ענדיגט פאריגע וואך אז תרח איז געשטארבן אין חרן, מיט דעם באפעל פאר אברהם אבינו, לך לך מארצך?

ענטפערט דער **עצי חיים** זללה"ה, לויט וואס עס באקאנט פון ספר **בכור שור** וואס זאגט אז דער טעם פארוואס דער אייבערשטער גיט נישט קיין שכר אויף די וועלט פאר א מצוה איז, ווייל ווען איינער איז נישט מקיים קיין מצות עשה באקומט מען נישט קיין עונש, דעריבער אויך וועט מ'טוט א מצות עשה איז נישטא קיין שכר, אבער ווען מ'איז עובר אויף א לא תעשה איז יא דא א עונש אויף די וועלט, ממילא ווען מ'איז מקיים א לא תעשה איז אויך דא שכר אויף די וועלט.

די גמרא זאגט אז כאטש געווענליך שטראפט נישט דער

## ידיעות פון די וואך

די משנה זאגט אין אבות (פרק ה') **עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ע"ה ועמד בכולם, להודיע כמה חיבתו של אברהם אבינו עליו השלום.** וועלן מיר יעצט לערנען די 10 נסיונות מיט וואס אברהם אבינו איז געפרובט געווארן.

**דער ערשטער נסיון:** איז געווען אין אור כשדים, דער גרויסער צער וואס ער האט געהאט בשעת דער רשע נמרוד האט אים אריינגעווארפן אין קאלעך אויבן.

**דער צווייטער נסיון:** איז געווען ווען השי"ת האט אים געזאגט לך לך מארצך וממולדתך, וואס דאס איז א גרויסער צער פאר א מענטש איבערצולאזן זיין הויז און זיין משפחה מיט גוטע פריינד, בפרט ווען השי"ת האט אים ניטאמאל געזאגט צו וועלכע לאנד ער דארף גיין.

**דער דריטער נסיון:** איז געווען דער הונגער אין ארץ כנען, ווען אין די גאנצע וועלט איז דא צו עסן אויסער אין ארץ כנען, פונדעסוועגן איז אברהם נישט צוריק געגאנגען צו זיין טאטנ'ס הויז קעגן דעם רצון ה', נאר ער איז געגאנגען קיין מצרים.

**דער פערטער נסיון:** איז געווען ווען אנקומענדיג קיין מצרים האט מען אוועקגענומען שרי צו פרעה, און ער האט זיך נישט אפגערעדט דערויף.

**דער פינפטער נסיון:** איז געווען ווען אלע קעניגן האבן זיך צוזאמענגענומען קעגן אים צו א מלחמה, און זיי האבן געזאגט לאמיר אנהייבן מיט לוט, און אברהם וועט זיך אוודאי קומען אננעמען פאר אים, און דעמאלטס וועלן מיר קענען הרג'ענען אברהם ח"ו. אברהם אבינו האט טאקע מלחמה

געהאלטן מיט זיי וואס דאס האט אים צוגעברענגט א גרויס צער אז ער האט געדארפט הרג'ענען מענטשן.

**דער זעקסטער נסיון:** איז געווען ווען הקב"ה **האט** אים געוויזן ביים ברית בין הבתרים אלע צרות און גליות וואס אידישע קינדער וועלן ליידן, און ער האט געברויכט אויסוועלן וואס ער וויל ענדערש, גלות אדער גהנם.

**דער זיבעטער נסיון:** איז געווען ווען דער אייבירשטער האט אים געהייסן זיך מל זיין ביי די 99 יאר, און זיין צער איז געווען זייער גרויס.

**דער אכטער נסיון:** איז געווען ווען אבימלך מלך פלשתים האט אוועקגענומען שרה.

**דער ניינטער נסיון:** איז געווען ווען שרה האט געזען אז ישמעאל וויל הרג'ענען יצחק, האט זי געהייסן אז אברהם זאל פארטרייבן הגר מיט ישמעאל פון זיין שטוב, און השי"ת האט געזאגט "כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה", אברהם האט געהאט זייער א גרויסע צער צו פארשיקן זיין קינד פון שטוב.

**דער צענטער נסיון:** איז געווען ביי די עקידה, ווען דער אייבערשטער האט אים געהייסן מקריב זיין פאר א קרבן יצחק, וואס ער האט געבוירן ביי די 100 יאר.

אייבערשטער ווען איינער טוט נישט קיין מצות עשה, אבער **בעידן ריתחא**, דאס מיינט אז ווען כביכול איז שטארק ברוגז, באשטראפט מען יא אפילו אויף א מצות עשה וואס מ'האט נישט געטון.

סוף פרשת נח שטייט "**וימת תרח בחרן**" זאגט רש"י אז נאך די ווערטער איז דא א איבערגעדרייטע נ', וואס קומט צו זאגן אז ביז די צייטן פון אברהם אבינו איז געווען א גרויסע חרון אף אויף די וועלט, ווייל דער אייבערשטער איז געווען זייער ברוגז ווי אזוי די מענטשן האבן זיך אויפגעפירט.

קומט אויס, אז אויב איז געווען א חרון אף אויף די וועלט, האט דער אייבערשטער באשטראפט אויך אויף א ביטול מצות עשה, דעמאלטס מעג מען דאך געבן א שכר פארן מקיים זיין א מצוה אויך, האט דער אייבערשטער געקענט זאגן פאר אברהם אבינו "**לך לך להנאתך ולטובתך**".

מיט דעם פארשטייט מען זייער גוט דעם שייכות פון די צוויי סדרות, ווייל פון **וימת תרח בחרן** זעהט מען אז עס איז געווען א חרון אף אויף די וועלט, ממילא האט דער רבש"ע געקענט זאגן פאר אברהם **להנאתך ולטובתך**".

# פרפראות לחכמה

**לך לך מארצך:** דער **עטרת ישועה פון דזיקוב** ז"ל טייטשט דעם פסוק לויט די גמרא (ב"מ דף ק"ז ע"א) אז הלואי מ'זאל נפטר ווערן פון די וועלט אזוי לויטער אן קיין עבירות אזוי ווען מ'קומט אויף די וועלט.

דאס זאגט דער פסוק: לך **לך מארצך**, עס זאל זיין דיין גיין פון די וועלט, אזוי ווי **ממולדתך**, ווען דו ביסט געבוירן געווארן אין דיין טאטנס הויז אן קיין עבירות.

*

**ומלכי צדק מלך שלם:** דער **ייטב לב** זי"ע ברענגט א טייטש בשם זיין פעטער דער **ארי' דבי עילאי** זי"ע: **ומלכי צדק**, דאס איז שם בן נח, **הוציא** האט ארויסגעלערנט די זאך פון **לחם ויין**, אז מ'קען דינען דעם אייבערשטן בשעת ווען מען עסט און מען טרינקט און מ'איז עוסק אין גשמיות'דיגע ענינים, און אין די זעלבע צייט **והוא כהן לקל עליון**, בלייבט ער א עבד פארן באשעפער, און ער דינט דעם אייבערשטן אפילו מיטן עסן און טרינקען.

# מעשה רב

עס איז געווען אין די ערשטע יארן וואס דער רבי בעל דברי יואל זי"ע איז געווען אין אמעריקע, איז געווען א געוויסער רבי וואס איז נאך די מלחמה פארקראכן און ער האט אנגעהויבן צו פרעדיגן דרשות פאר ציוניזם. ווי פארשטענדליך האבן זיך די סאטמארע חסידים אפגעטרייסעלט פון יענעם, און נישט געוואלט האבן קיין שייכות מיט אים.

אין א געוויסן פרייטאג איז צום רבי'ן אריבערגעקומען איינער פון די חשוב'ע רבי'ס, וואס האט זיך נאנט געהאלטן מיטן רבי'ן, און ער האט דעם געבעטן רבי'ן אז ס'זאל זיין שלום מיט יענעם רבי'ן, ווייל ס'איז נישט גוט ווען ערליכע אידן קריגן זיך, דער רבי האט יענעם רבי'ן אויסגעהערט, אבער מחמת כבודו האט ער אים נישט געענטפערט אויפן פלאץ.

יענעם שבת ביי שלש סעודות האט דער רבי אנגעהויבן צו זאגן: די תורה דערציילט 'ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט', אז די פאסטוכער פון אברהם אבינו מיט לוט האבן זיך געקריגט, און ווי רש"י הק' דערציילט איז דאס געווען ווייל די פאסטוכער פון אברהם האבן גע'טענה'עט אז ארץ ישראל באלאנגט נאכנישט פאר אונז, און די פאסטוכער פון לוט האבן גע'טענה'עט אז יא, האט אברהם געזאגט פאר לוט 'אל נא תהי מריבה ביני ובניך' לאמיר זיך נישט קריגן, הלא כל הארץ לפניך, הפרד נא מעלי, טייל זיך אפ פון מיר, גיי ערגעץ אנדערש.

האט דער רבי געפרעגט עטליכע קשיות, קודם דארף מען פארשטיין, פארוואס האבן זיך די פאסטוכער געדארפט קריגן, אויב איז געווען א מחלוקה פאר ווען אר"י באלאנגט איז דאך דאס נאר נוגע געווען פאר אברהם מיט לוט, פארוואס האבן זיך די פאסטוכער געקריגט?

נאכמער איז שווער, אויב האט אברהם אבינו געהאלטן אז מ'טאר זיך נישט קריגן ווי ער האט געזאגט 'אל נא תהי מריבה' דעמאלטס פארוואס האט ער נאכדעם געזאגט הפרד נא מעלי? אדרבא ער וואלט אים געדארפט בעטן אז מען זאל ווייטער גיין אינאיינעם און זיך נישט קריגן.

נאר וואס דען – האט דער רבי געענטפערט – אברהם אבינו האט נישט געפירט קיין שום מחלוקה מיט לוט, נאר אברהם האט כסדר אויסגעלערנט פאר זיינע מענטשן אז מען טאר זיך נישט אוועקרירן פון דרך התורה, און מען מוז זיך דערווייטערן פון יעדע זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן עפ"י תורה. לוט האט געטוהן פארקערט, ער האט געפרעדיגט 'כוחי ועוצם ידי' מען דארף ניצן דעם אייגענעם כח, און כאפן אר"י פאר די צייט מיט געוואלד.

דאס האט גורם געווען אז ווען ס'איז געקומען צום פאשען אין פרעמדע פעלדער, האט אויסגעבראכן א מחלוקה צווישן די פאסטוכער, כאטש אברהם אבינו האט זיך פערזענליך נישט געקריגט מיט לוט, אבער צווישן די רועים, צווישן זיינע מענטשן מיט זיינע מענטשן איז געווען א מריבה, זיי האבן זיך אנגעהויבן צו קריגן איבער די זאכן וואס זייערע רבי'ס האבן זיי געלערנט, די פאסטוכער פון אברהם האבן געשריגן אז ס'איז א געפערליכע עבירה צו נעמען אר"י פאר די צייט, און די פאסטוכער פון לוט האבן געשריגן 'ניין! מ'מוז ווייזן כוחי ועוצם ידי'.

דערפאר האט אברהם אבינו געזאגט פאר לוט 'אל נא תהי מריבה ביני ובניך' מיר קריגן זיך נישט און מיר פירן נישט ח"ו קיין מחלוקת ח"ו, אבער פון די אנדערע זייט זאגסטו דאך זאכן וואס איז כנגד התורה, דעריבער כדי עס זאל נישט איבערערדן מיינע מענטשן בעט איך דיר 'הפרד נא מעלי' לאמיר זיך צושיידן כדי דיינע מענטשן זאלן נישט האבן קיין השפעה אויף מיינע מענטשן.

די מענטשן וואס זענען געווען ביים באזוך פון יענעם רב ביים רבי'ן, האבן הערשט יעצט פארשטאנען די תשובה אויף זיין קשיא, און פארוואס מען קען נישט האבן קיין שייכות מיט אזעלכע מענטשן.

# הילולא דצדיקיא

קומענדיגן דינסטאג י״א חשון איז די יארצייט פון הרה״ק רבי מנחם נחום מטשערנאבל זי״ע בעמח״ס מאור עינים, פון די גרעסטע תלמידים פונעם מעזריטשער מגיד זי״ע.

וועלן מיר דערציילן א מעשה פונעם הייליגן מאור עינים וואס האט שייכות מיט די וואכעדיגע סדרה.

דער מאור עינים זי״ע פלעגט אסאך עוסק זיין אין די מצוה פון ״פדיון שבויים״, ער פלעגט ארומגיין זאמלען געלט פאר אידן וואס זענען געזעסן אין תפיסה, און ער האט זיי אויסגעלייזט.

איינמאל זייענדיג אונטערוועגנס אין א פרעמדע שטאט, האט זיך געמאכט אז מ׳האט אים געכאפט און מ׳האט אים איינגעזעצט אין תפיסה. דער מאור עינים האט געהאט דערפון גרויס עגמת נפש, און וויפיל ער האט מפשפש געווען אין זיינע מעשים האט ער נישט געקענט טרעפן די ריכטיגע סיבה פארוואס ער זאל נענש ווערן און דארפן זיצן אין תפיסה.

האט זיך באוויזן צו אים אין תפיסה אן אלטער איד, און יענער האט אים געזאגט אזוי:

״דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, לך לך מארצך, און רש״י זאגט להנאתך ולטובתך, וואס פארא הנאה איז דאס געווען פאר אברהם אבינו צו גיין אין גלות?

נאר אברהם אבינו איז דאך געווען דער מקור החסד, זיין שטוב איז געווען אפן פאר געסט 24 שעה א טאג, אבער אברהם אבינו אליין האט קיינמאל נישט געהאט דעם געפיל וואס פארא גרויסע טובה ער טוט פאר א גאסט בשעת ווען ער נעמט אים אריין אין שטוב און ער גיט אים צו עסן און צו טרינקען, דעריבער האט אים דער אייבערשטער געהייסן גיין אין גלות ״להנאתך ולטובתך״, ווייל נאכדעם וואס דו וועסט אליינס זיין א גאסט אונטערוועגנס וועסטו גאר אנדערש שפירן, מיט פיל מער הנאה און פארגעניגן״.

״פאר די זעלבע סיבה״ האט דער גאסט אויסגעפירט ״האט מען פון הימל געפירט אז איר זאלט זיצן אין תפיסה, טאקע ווייל איר זענט אזויפיל עוסק אין די מצוה, זאלט איר שפירן ווי ביטער עס שפירט וואס זיצט אין תפיסה, און ווי גרויס עס איז שכר מיט די מצוה פון פדיון שבויים״.

א קורצע צייט שפעטער איז דער מאור עינים זי״ע באפרייט געווארן פון תפיסה, און מ׳האט אים מגלה געווען פון הימל אז דער אלטער איד איז געווען אברהם אבינו ע״ה. זכותו יגן עלינו.

## ועיון תפילה!

מיר לערנען די וואך אין די סדרה אז ווען אברהם אבינו איז געגאנגען קיין ארץ ישראל האט ער זיך אפגעשטעלט אין שכם מתפלל זיין אויף זיינע אייניקלעך וואס וועלן פירן מלחמה אין שכם.

חכמינו ז״ל אין מס׳ סנהדרין (דף מ״ד ע״ב) לערנען ארויס פון דעם לעולם יקדים אדם תפילה לצרה, אז מ׳דארף אלעמאל פריער בעטן פון השי״ת נאך איידער די צרה קומט, ווייל ווען נישט די תפילה פון אברהם אבינו וואס ער בעט פאר זיינע שפעטערדיגע דורות וואלט ווען ח״ו גארנישט געבליבן פון כלל ישראל. ווייל ווען יהושע בן נון האט איינגענומען ארץ ישראל האט ער געשיקט די אידן אליינס מלחמה האלטן אין עי, 36 אידן זענען אומגעקומען און די איבריגע זענען נאר ניצול געווארן אין זכות פון די תפילה פון אברהם אבינו.

זאגט דארט רש״י הק׳ אז ווען איוב האט געליטן זיינע שווערע יסורים, האבן אים זיינע חברים געזאגט אז ווען ער וואלט ווען מקדים געווען פריער די תפילה פאר די צרה, וואלט מען פון הימל געשטארקט זיינע כוחות אז די יסורים זאלן נישט קומען.

רבינו הק׳ בעל דברי יואל זי״ע (וישלח קכ״ה) איז מסביר דעם טעם פארוואס א תפילה פאר א צרה העלפט מער, ווייל ׳השטן מקטרג בשעת הסכנה׳, בשעת א סכנה איז דער שטן מקטרג און ער רעדט שלעכטס אז מ׳זאל נישט דורכלאזן קיין תפילה אין די צייט פון א סכנה, אבער אויב ער האט שוין מקדים געווען די תפילה פריער, נאך איידער דער שטן קומט מקטרג זיין ווערן אלע תפילות יא אנגענומען, און שפעטער נאכן קיבול תפילות ווען שוין דער אייבערשטער צוהערן די תפילות, און נישט לאזן אויספירן זיינע פלענער.